**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט אז אפליקאציעס פאר 50 מיליאן דאלאר שטעלט צוריק ניו יארק פראגראם וועט זיך אנפאנגען מאנטאג, סעפטעמבער 23**

***פראגראם אויסגעשטעלט צו באקעמפן מוניציפאלע בלייט און ספארק נייע אינוועסטירונגען; וועט פריאריטיזין פראיעקטן אדרעסירנדיג שאדנס פון יולי 15-16 שטורעמס***

***בריוון פון מיינונג פעליג ביז מיטוואך, אקטאבער 23 - מער אינפארמאציע וועט זיין צו באקומען [דא]()***

***וועבינאר פאר פאטענציאלע אנגעבער געפלאנט פאר מיטוואך, סעפטעמבער 25 - רעגיסטריר [דא]()***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז אפליקאציעס פאר די 50 מיליאן דאלאר רונדע 9 פון די שטעלט צוריק ניו יארק געמיינדעס (Restore New York Communities) איניציאטיוו וועט זיך אנפאנגען מאנטאג, סעפטעמבער 23. די פינאנצירונג, וועלכע איז געווען אריינגערעכנט אלס טייל פון די 2025 פיסקאלע יאר אקטיווע בודשעט, שטיצט מוניסיפאלטיס'ס אנשטרענגונגען צו צו-ווארפן, ווידעראויפלעבן און צוריקשטעלן צושטערטע סטרוקטורן און זיי פארוואנדלען צו לעבהאפטיגע רעזידענציעלע, קאמערציעלע און געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענטס. די פראגראם ווערט צוגעשטעלט דורך עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development ESD) און, אין די רונדע, וועט פריאריטעט געגעבן ווערן צו פראיעקטן אויסגעשטעלט צו אדרעסירן ערהוילונג באמיאונגען פארבינדן צו טארנאדא און שטורעמס שאדן וואס איז געשען אום יולי 15-16, 2024.

"מיר לעבן ווידער אויף געמיינדעס דורכאויס ניו יארק סטעיט דורך די שטעל צוריק ניו יארק געמיינדעס איניציאטיוו - געבנדיג טאונס און שטעט די געלעגנהייט צו בויען א צוקונפט וואס איז מער פארזיכערט, מער צוגענגליך, און מער וואוינבאר," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "מיט אפסטעיט מוניציפאליטיס וואס ארבעטן נאך זיך צו ערהוילן פון שטארקע שאדנס גערברענגט דורך יולי'ס עקסטרעמע וועטער, פריאריטיזירן מיר די פראיעקט | און קוקן צו אנדערע טראנספארמירנדע געלעגנהייטן וואס וועלן פארבעסערן די לעבן פון איינוואוינער און ביזנעסער איבעראל."

די ציל פון שטעל צוריק ניו יארק איז צו העלפן מוניציפאליטיס צו ציען איינוואוינער און ביזנעסער דורך ווידעראנטוויקלען רעזידענציעלע, קאמערציעלע און געמישטע-באנוץ פראפערטיס. יעדע פראיעקט זאל זיך צאמשטעלן מיט די סטראטעגישע פלאן פון די געמיינדע'ס ראאינישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל און פראיעקט זאלן אדער זיין ארכיטעקטוריש די זעלבע מיט דערנעבנדיגע פראפערטיס אדער די מוניציפאליטי'ס לאקאלע ווידעראויפלעבונג אדער שטאטישע דעוועלאפמענט פלאן. געמיינדעס אינטערסירט זיך אנצוגעבן ווערן געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן [דא]() פאר ESD'ס אינסטרוקציאנעלע וועבינאר, געפלאנט פאר מיטוואך, סעפטעמבער 25. אן אינטערסירטע זיך צו אנגעבן פארם מוז באקומען ווערן דורך ESD ביז מיטוואך, אקטאבער 23. די פראגראם אפליקאציע און ריכטליניעס וועלן זיין צו באקומען מאנטאג אויף [https://esd.ny.gov/restore-new-york](https://esd.ny.gov/restore-new-york).

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "שטעלט צוריק ניו יארק איז א טורעם פון גאווארנער האקול'ס געמיינדע ווידעראויפלעבונג באמיאונגען און שטופט פאראויס פראיעקטן וואס אדרעסירן שטאטישע פארניכטיגונג צו שטיצן לעבהאפטיגע געגנטער און נייע און דינאמישע וואוינונג. די פינאנצירונג געגעבן צו מוניציפאליטיס דורך די פראגאם איז וויכטיג צו ברענגען נייע אינוועסטירונגען וואס נעמען אויף באזוכער און נייע איינוואוינער און שטיצן ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס."

שטעל צוריק ניו יארק גרענטס קען גענוצט ווערן פאר ליידיגע, איבערגעלאזטע, פאראורטיילטע אדער איבעריגע געביידעס און די פראפערטיס קענען ווערן צובראכן, צן-ווארפן, ווידעראויפגעלעבט אדער ווידער-געבויט. דרוק וועט ווערן געלייגט אויף פראיעקטן אין עקאנאמישע נויטיגע געמיינדעס, פראיעקטן וואס באאיינפלוסן אנדערע סטעיט אדער פעדעראלע ווידעראנטוויקלונג געלטער, און די פראיעקט'ס דורכפירבארקייט און גרייטקייט. בארעכטיגטע אפליקאנטן רעכענען אריין קאונטיס, סיטיס, טאונס און ווילעדזשעס אין ניו יארק סטעיט באזירט אויף די פאלגנדע קריטעריאנען:

- שטעט מיט באפעלקערונגען איבער 100,000 קענען זיך אנגעבן פאר ביז 2 מיליאן דאלאר פאר איין פראיעקט. אבער, שטעט מיט באפעלקערונגען וואס גייען איבער א מיליאן איינוואוינער און קאונטיס אין דעם מוזן זיך אנגעבן פאר פראיעקטן אינא נויטיגע געגנט פון די שטאט.
- שטעט און ווילעדשעס מיט באפעלקערונגען צווישן 40,000 און 99,999 קענען זיך אנגעבן פאר ביז 1.5 מיליאן דאלאר פאר איין פראיעקט.
- אלע אנדערע מוניסיפאליטיס קענען זיך אנגעבן פאר איין פראיעקט, ביז 1 מיליאן דאלאר.
- די צאל פאר וועלכע א קאונטי איז בארעכטיגט זיך אנצוגעבן איז באזירט אויף די מוניסיפאליטי אין וועלכע די פראיעקט געפינט זיך.

ESD קען געבן א באגרעניצטע צאל פון ספעציעלע פראיעקט דעזיגנירונגען. מוניסיפאלייטיס מיט באפעלקערונגען פון א מיליאן אדער ווייניגער איינוואוינער לויט די לעצטע ציילונג קען זיך אנגעבן פאר נאך 3.5 מיליאן פאר אדער א צווייטע פראיעקט, אדער אלס טייל פון א גרעסערע פראיעקט אין צוגאב צו די פראגראם'ס פינאנצירונג באגרעניצונג. ספעציעלע פראיעקטן זענען די וואו די פראפערטי שאפט שווערע עקאנאמישע שאדן צו די געמיינדע, לאזנדיג א שטארק זעבארע און צובראכענע פראפערטי אדער פראפערטיס אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט פון אשטארק אדער מיטל-מעסיגע-נויטיגנדע געמיינדע, וועלכע שאפט א דעפרעסירנדע ווירקונג אויף די אלגעמיינע עקאנאצמישע אנטוויקלונג פאטענציעל פון די געמיינדע.

אין יולי,[האט גאווארנער האקול געמאלדן](https://) מער ווי 64.1$ מיליאן פון שטעלט צוריק ניו יארק גרענטס איז געגעבן געווארן צו שטיצן 43 פראעיקטן לענגאויס ניין ראיאנען פון די סטעיט. רונדע 8 האט ארייגערעכנט א 10 מיליאן דאלאר ספעציעלע פראיעקט דעזיגנירונג צו שטיצן די פארניכטיגונג פון אלבאני'ס צענטראלע ווערהאוז. די פראיעקטן געבן צו צו גאווארנער האקול'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג וויזיע דורך מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין געמיינדעס דורכאויס די סטעיט וועלכע לעבן אויף די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן פאר ניו יארקערס. די 2025 פיסקאלע יאר אקטיווע בודשעט רעכנט אריין 100 מיליאן דאלאר פאר די דאונטאון ווידעראויפלעבונג איניציאטיוו און 100 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק פאראויס. די פראגראמען העלפן לאקאלע מוניסיפאליטיס דערהייבן קוואליטעט פון לעבן, שטיצן סאציא-עקאנאמישע אנטוויקלונג, און שאפן מער גייבערע, וואוינבארע און זיכערע געגנטער אין יעדע עק פון די סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן